ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר
# בהעלותך

אידיש

**536**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק
# ששה ושלשים

## בהעלותך

אין דעם פרק ווערן ערקלערט אַ סאַך וואָרענונגען פאַר דעם שוחט, און די מעלה פון אַ שוחט וואָס איז אַ ירא שמים און קערט זיך אָפּ פון טוהן שלעכטס.

דער הייליגער גאון וצדיק ר״ר הלל קאלאמייער זצ״ל האָט עדות געזאָגט אַז דער ״שבט מוסר״ האָט אים געמאַכט פאַר אַ מענטש, און אַזוי האָבן גרויסע צדיקים וקדושים אָנגעזאָגט זייערע קינדער צו לערנען שטענדיג אין דעם ספר, ווייל דאָס האָט זיי געברענגט צו דעם וואָס זיי זענען צוגעקומען.

# אינהאַלט

## פון זעקס און דרייסיגסטער פרק


א. די כוחות הטומאה און די חיצונים באַמיען זיך מיט זייער גאַנצן כח צו שטרויכלען דעם צדיק מיט אַן עבירה, כדי זיי זאָלן קענען דאָרט אַריינקומען און זיך קענען אָנכאַפּן אין אים. ........ ג

ב. דער גרויסער איסור צו עסן פלייש אַפילו פאַר עמעצן וואָס האָט געלערנט מקרא און משנה, אויסער פאַר אַ צדיק גמור, און אויך דער צדיק דאַרף זיין שטאַרק געהיטן אין דעם. ........ ד

ג. התעוררות רייד פאַר דעם שוחט אַז ער זאָל זיין אַ צדיק און מתקן זיין די זעל פון די בהמה ... ה

ד. אַ תפילה פאַר דעם שוחט ........ ז

ה. די כוונה פון עסן, מתקן צו זיין דאָס נפש וואָס געפינט זיך אינעם מאכל, – פון אריז"ל און של"ה הקדוש. ........ ח

ו. דער שוחט דאַרף זיין געוואָרנט ווען בודק זיין דעם מעסער מיט וועלכן ער שעכט ........ ח

ז. אָפּענע תוכחה צו די שוחטים וועלכע נעמען עס אַן גלייכגילטיג און קוקן נישט איבער דעם מעסער ווי געהעריג ........ ט

ח. דער וועלכער שעכט מיט אַ מעסער אַ פגום (נישט הונדערט פראָצענט גלאַט), איז זיין שטראָף ער זאָל שטאַרבן אין אַ מגיפה, און אויב ער איז נישט געשטאָרבן אין אַ מגיפה ווערט זיין נשמה מגולגל ער זאָל שטאַרבן אין אַ מגיפה. ........ ט

ט. דער וועלכער שעכט מיט אַ מעסער אַ פגום, ווערט זיין נשמה מגולגל אין אַ הונט. ........ י

י. דער ענין פון סירכות אין די לונג. ........ י

יא. דער שוחט זאָל זיין געוואָרנט צו מאַכן אַ ברכה פאַרן שחט'ן אין אַ ריינעם אָרט ........ י

יב. דער שוחט זאָל זיין אַ ירא שמים, און ער זאָל טראַכטן אין זיין האַרץ מתקן צו זיין די נשמה וואָס איז מגולגל אין די בהמה. ........ יא

יג. אַ טעם פאַרוואָס יעקב האָט געשיקט צו עשו נאָר פון די בהמות וואָס זענען געקומען אין זיין האַנט, און ער האָט נישט געצוואונגען די בהמות צו גיין צו עשו. ........ יא

יד. דער ענין פון דעם גורל אויף די צוויי ציגן אין יום כיפור. ........ יב

טו. אַ טעם פאַרוואָס דער אָקס פון אליהו האָט אַריינגעשטעקט זיינע פיס אין די ערד און האָט נישט געוואָלט גיין צו די נביאי הבעל ........ יב

טז. אויך דער מענטש וואָס עסט פלייש, דאַרף אין זינען האָבן מתקן צו זיין די נשמות וואָס זענען מגולגל אין דער בהמה. ........ יג

יז. אַ טעם פאַרוואָס אַ בעל תשובה זאָל נישט עסן פלייש, נאָר אין שבת. ........ יד

יח. דער שוחט און בודק זאָל נישט לייגן דאָס מעסער ביינאַכט צוקאָפּענס פון זיין בעט ........ יד

יט. דער שוחט זאָל טוישן זיינע קליידער נאָכ'ן שחט'ן, און ער זאָל נישט דאַוונען ווען ער איז אָנגעטוהן אין די קליידער מיט וועלכע ער שעכט. ........ יד

כ. וויבאַלד אַ שוחט איז פון מזל מאַדים, זאָל ער דאַנקען דעם באַשעפער יעדן טאָג אויף דעם וואָס ער האָט זוכה געווען צו זיין אַ שוחט און נישט פאַרגיסן קיין בלוט אַלס רעזולטאַט פון זיין מזל, אויך דאַרף דער שוחט דאַרף זיין אַ גרויסער בעל רחמנות. ........ טו

כא. דער שוחט דאַרף זיך מצער זיין, אויב עס געשעהט, אַז אַ בהמה ווערט אַ נבילה דורך זיין שחיטה, און ער האָט צושטערט דעם נפש וואָס איז מגולגל אין אים. ........ טו

כב. דער שוחט זאָל מתפלל זיין, אַז אויב עס איז דאָ אַ ניצוץ פון קדושה אין די בהמה, זאָל עס פאַרראָכטן ווערן דורך די ברכה. ........ טז

כג. אַ שוחט וואָס האָט נישט אין זינען אַלע כוונות און תפילות וואָס ער דאַרף אין זינען האָבן און זאָגן, איז דער סי"מ בעסער פון אים. ........ טז

כד. די מעלה פון אַ שוחט ובודק וואָס ער איז אַ ירא שמים און ער קערט זיך אָפּ פון טוהן שלעכטס ........ יז

# פרק ששה ושלשים

**די כוחות הטומאה און די חיצונים באַמיען זיך מיט זייער גאַנצן כח צו שטרויכלען דעם צדיק מיט אַן עבירה, כדי זיי זאָלן קענען דאָרט אַריינקומען און זיך קענען אָנכאַפּן אין אים.**

**א. ישמחו השוחטים,** עס זאָלן זיך פרייען די שוחטים, און עס זאָלן פאַרנעמען די בודקים די זאַכן וואָס געהערן צו זיי.

**ב.** מיר וועלן פריער שרייבן וואָס עס שטייט אין ספר הקנה פון דעם וואָס די אידן האָבן אַ מעלה, אַז דעריבער האָט דער אויבערשטער ברוך הוא אונז געהייליגט און האָט אונז אָפּגעשיידט פון מאכלות אסורות, און דערנאָך וועלן מיר שרייבן וועגן די שוחטים.

**ג.** דער ספר הקנה שרייבט, דו זאָלסט וויסן אַז ווען אַלע כתות פון די חיצונים זעען די שיינקייט פון די אינעווייניגסטע היכלות, און די מעדנים, און די תענוגים, און די פאַרגעניגענס, און די לוסטיגקייט און פרייליכקייט, גלוסטן זיי אַריינצוגיין און זיך אָנזעטיגן מיט אַלע מינים שמחות און תענוגים, אָבער זיי טאָרן נישט אַריינגיין אינעווייניג, און וויבאַלד די צדיקים זענען דעם אויבערשטן׳ס חלק, האָט דער אויבערשטער זיי געגעבן רשות אַריינצוקומען אין הייליגן היכל, און אַרויסצוגיין, נאָר ער האָט זיי געבאָטן אַז זיי זאָלן היטן נישט אַריינצוברענגען טמא׳נע זאַכן, דאָס איז בעילות אסורות און מאכלות אסורות.

**ד. בוא,** נו, פאַרשטיי ווי גוט און גרויס איז דער כח פון דעם מענטש אַז ער איז מקיים די מצוות, און ווי שלעכט איז אַז ער טוט

אַפילו איין קליינע עבירה, און ווייל די צדיקים זענען די רגלי מרכבה, דעריבער האָט ער די מעגליכקייט אַריינצוגיין און אַרויסצוגיין, און דעריבער גלוסטן די חיצונים זיך מדבק צו זיין אין זיי.

**דער גרויסער איסור צו עסן פלייש אַפילו פאַר עמעצן וואָס האָט געלערנט מקרא און משנה, אויסער פאַר אַ צדיק גמור, און אויך דער צדיק דאַרף זיין שטאַרק געהיטן אין דעם.**

**ה. ודע,** און אַפילו די בהמות טהורות האָט די תורה נישט מתיר געווען נאָר צו אַ תלמיד חכם און אַ צדיק ווי אדם הראשון, איידער ער האָט געזינדיגט האָבן די מלאכים אים באַדינט, און האָבן פאַר אים געבראָטן פלייש, אָבער נאָך דעם וואָס ער האָט געזינדיגט, איז ער געוואָרן גלייך צו אַ בהמה, דעריבער האָט די תורה פאַר אים גע׳אסר׳ט צו עסן פלייש, ווייל ער און די בהמה זענען גלייך, פאַרוואָס זאָל ער הרג׳ענען די בהמה און פאַרגיסן איר בלוט. דעריבער האָט דער אויבערשטער ברוך הוא אים נישט געהייסן עסן קיין פלייש.

**ו. והנה,** און מען קען אָפלערנען אַ קל וחומר. ווען אדם הראשון, וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא אַליין האָט אים באַשאַפן און ער האָט געקוקט פון איין עק וועלט ביז דער אַנדערער, און דער אויבערשטער ברוך הוא האָט אים געוויזן יעדן דור מיט זיינע תלמידי חכמים און מיט זיינע מנהיגים, און ער האָט גערעדט מיט דעם אויבערשטן, פונדעסטוועגן, ווייל ער האָט געזינדיגט האָט דער אויבערשטער ברוך הוא אים גע׳אסר׳ט צו עסן פלייש, כאָטש ער האָט דאָך תשובה געטאָן.

**ק״ו,** איז דאָך אַוודאי געוויס, אַז דער מענטש וואָס האָט נישט די אַלע מעלות פון אדם הראשון, און אדרבא, ער איז נאָך אַן עזות פנים און טוט פאַרשידענע זינד און ווידערשפעניגט אין דעם אויבערשטן און אין זיינע מצוות, און זיין תשובה איז אויך נישט קיין תשובה, ווייל ער טוט ווידער די זעלבע עבירות, דאַרף ער אַוודאי נישט הרג׳ענען

אַזעלכעס וואָס האָט אַ לעבעדיגן אָטעם און עס צו עסן. און כאָטש זיין צורה איז פון אַ מענטש און דאָס וואָס ער שעכט איז אַ בהמה, ווער ווייסט, מאָרגן קענען פאַרביטן ווערן די צורות, אַז ער וועט מגולגל ווערן אין אַ בהמה.

**ז. ודע,** און ווייס, מיין זון, אַז אַפילו פאַר די צדיקים איז אויך נישט דערלויבט געוואָרן צו עסן דאָס פלייש, נאָר אויב ער היט דאָס גוט, אָבער אויב איז דאָס פאַרהוילן געוואָרן פונעם אויג, און אַפילו ביי זיין טיש, און ער דערקענט דאָס נישט אויב עס איז דאָס זעלבע, טאָר ער עס נישט עסן.

**והכוונה,** דאָס איז דערפאַר ווייל די כוחות הטומאה ווילן רוען אויף דער בהמה, און אַז אין דעם כשר'ן פלייש איז דאָ אַ סימן אָדער זיין חתימה, האָט די טומאה נישט קיין רשות צו רוען דערויף. אָבער אויב דאָס פלייש איז אָן אַ חתימה, און אָן אַ סימן, איז דאָס ווי הפקר, קענען די קליפות יאָ געוועלטיגן דערויף.

## התעוררות רייד פאַר דעם שוחט אַז ער זאָל זיין אַ צדיק און מתקן זיין די זעל פון די בהמה

**ח. וגם,** אויך שטייט אין דער תורה "**וזבחת וגו' כאשר צויתיך**", דו זאָלסט שחט'ן פון דיינע רינדער אַזוי ווי איך האָב דיר געבאָטן. זאָגן אונזערע חכמים זכרונם לברכה, אַז משה רבינו איז געבאָטן געוואָרן אַלע דינים פון שחיטה אויף דעם באַרג סיני בעל פה.

**ט. ועתה,** און איצט, מיין זון, הער צו וואָס די שוחטים טוען. זיי נעמען דעם חַלף און שטעלן זיך אַנידער פאַר דער בהמה מיט גרויס גאווה, און די בהמה ליגט אויף דער ערד, און גיט זיך איבער צו דער שחיטה, ווייל זי האָט נישט קיין כח זיך קעגן צושטעלן, און דער אכזר קוקט אויף די ווייבער, און אויף דעם פראָסטן עולם, גלייך ווי ער זאָגט, זעט מיך, איך בין אַ גרויסער רב, אַז איך בין גלייך צו דעם

ס"ם וואָס ער נעמט די נשמות פון מענטשן, און איך נעם די נשמות פון בהמות.

**ואח"כ,** און דערנאָך זעט ער די מתנות וואָס ווערן אים געגעבן פאַרן שעכטן, און ער פרייט זיך מיט זיי, און זיין ווייב נעמט זיי צו מיט אַ פריילעך פנים, און באַרימט זיך און האַלט זיך בגאווה צווישן אירע שכנות, זעט אונזער מעלה. זאָלן זיי אַזוי לעבן, אויב זייער מעלה וועט זיי נישט ברענגען דערצו אַז זיי זאָלן אויך אַזוי געקוילעט ווערן ווי די בהמות.

**י. העולה,** דער כלל איז, אַז דער שוחט מוז זיין אַ גאַנצער צדיק, ער זאָל נישט פוגם זיין אין זיין צלם אלוקים, ווייל אויב ער איז נישט אַ צדיק, איז עס גלייך ווי איין בהמה שעכט די אַנדערע. און אַז דער שוחט איז נישט ריין פון אַלערליי טומאות, ווערט דעמאָלט די שחיטה גערופן צו די בהמה אַ מיתה משונה. אָבער אויב ער איז אַ צדיק, ווערט די שחיטה אָנגערופן תיקון, אַ פאַרריכטונג, ווייל דורך דער שחיטה ווערט זי מתוקן, און קומט צו דער מדריגה פון אַ מענטש.

**ובפרט,** און בפרט אַז עס איז דאָ אין דער בהמה אַ גלגול פון אַ מענטש וואָס האָט געזינדיגט, ווערט דער גלגול פאַרריכט דורך דער שחיטה פון דעם צדיק, אָבער אויב דער שוחט איז אַ רשע, איז דער נביא מתרעם דערויף, "**והנה ששון ושמחה**", און אָט, זיי מאַכן שטענדיג סעודות, און צוליב דעם וואָס זייער האַרץ פרייט זיך מיט די עבירות, שעכטן זיי רינדער און שאָף און זיי טרינקען וויין כדי צו פאַרמערן די תאוה פון זנות, דעריבער איז דאָס פאַר זיי גערעכנט "**הרוג בקר**", גלייך ווי זיי הרג'ענען די רינדער און קוילען זיי נישט, נאָר טוען עס דערפאַר ווייל זיי זאָגן "**אכול בשר ושתות יין**", לאָמיר עסן פלייש און טרינקען וויין, "**כי מחר נמות**", ווייל מיר וועלן דאָך מאָרגן שטאַרבן און צו וואָס זאָלן מיר זאָרגן וועגן דאָס שטאַרבן פון דער בהמה.

**זאָגט** זיי דער נביא דערויף, "**ונגלה באזני ה' צבאות**", און פאַר דעם אויבערשטן ברוך הוא איז אַנטפּלעקט "**אם יכופר העון זה להם**", אויב די עבירה וועט זיי פאַרגעבן ווערן, דאָס מיינט אַז די עבירה וועט זיי נישט פאַרגעבן ווערן, "**עד ימותון**", ביז זיי וועלן שטאַרבן מיט דער זעלבער מיתה, אַז זיי וועלן מגולגל ווערן אין אַ בהמה, און וועלן אויך געקוילעט ווערן דורך אַ שוחט אַ רשע, כדי זיי זאָלן פילן דעם צער וואָס זיי האָבן געטוהן.

**דערנאָך** וועלן זיי ערשט ווידער מגולגל ווערן אין אַ בהמה, און זי וועט גע'שחט'ן ווערן דורך אַ שוחט אַ צדיק, דאַן וועלן זיי פאַרראָכטן ווערן.

## אַ תפילה פאַר דעם שוחט

**יא. ולכן,** און דעריבער מוז יעדער שוחט מכוין זיין אין זיין שחיטה, און ער זאָל זאָגן די תפילה:

**יהי** רצון מלפניך ה' אלהי ואלהי אבותי בעל הרחמים כולם, חפץ בתיקון כל נפש החוטאת לבלתי ידח, אע"פ שהרבה להכעיסך, ואם שולחה ברשת רגלה, שתלכד בתוך גוף בהמה חיה או עוף שאני שוחט שתתקן על ידי ברכה שברכתי על שחיטתה ועל ידי הכשר הסכין כאשר צוית לעשות. ואע"פ שאיני כדאי והגון שתתקן, על ידי קיום דבריך שאני מקיים לברך ולשחוט בסכין מתוקן, יתקן אותה להוציאה מכאן אם ישנה, ולהחזירה למדריגת אדם כבתחילה, כי אינך חפץ במות הרשע מיתה תכליתית, כי אם לבקש לה תיקון לטהר אותה עד ישוב לעבדך ולקיים תורה ומצוות, כדי להנחיל הגן עדן ולהרבות בשכרה, וכיון שכוונתך זו רבון העולמים אל תבט במעשי הרעים אם יש, כי בשעה זו שאני שוחט כדי שיהיה תיקון זה, יקרא על שמי, כדי לזכות את נשמתי שנתת בי, כדי שבעת שתצא ממני אל תצא ערומה מזכיות. לכן מפיל אני תחינתי לפני כסא כבודך, שתעלים ותכסה חטאי ועונותי ופשעי בעת ובעונה הזאת, כדי שיתתקן על ידי איזה ניצוץ של קדושה

אם יש בבהמה או חיה או עוף שאני שוחט, כי בעל הרחמים אתה, חפץ לזכות הנשמות, ברוך המטהר והמתקן ומזכה נפשות עמו ישראל.

## די כוונה פון עסן, מתקן צו זיין דאָס נפש וואָס געפינט זיך אינעם מאכל, – פון אריז״ל און של״ה הקדוש.

**יב. גם,** אויך יעדער מענטש, ווען ער עסט עפּעס אַ מאכל, זאָל ער אינזינען האָבן ביי זיין ברכה, אַז דורך דער ברכה זאָל פאַרריכט ווערן דער גלגול וואָס איז דאָ אינעם מאכל.

**יג. וכתב,** דער חסיד בעל של״ה שרייבט, יעדער מענטש וואָס עסט אַזעלכע עסנוואַרג וואָס זענען מותר צו עסן, און ער עסט פאַרן אויבערשטנ׳ס וועגן, כדי ער זאָל האָבן כח אים צו דינען, רוהט אויף אים דער רוח הקדושה וואָס איז דאָ אין דער זאַך, און דאָס מיינט דער פסוק ״**צדיק אוכל לשובע נפשו**״, אַ צדיק עסט צו זעטיגן זיין נשמה.

**דאָס** איז דערפאַר ווייל אין דעם עסנוואַרג איז דאָ אַ צד פון קדושה וואָס דערפון ווערט זאַט די נשמה פון דעם צדיק, און דאָס האָבן די פילאָזאָפן נישט געקענט דערקלערן. אָבער דער הייליגער אר״י זכרונו לברכה האָט געזאָגט אַז אין יעדן עסנוואַרג איז פאַראַן אַ צד קדושה, און אַז דער מענטש עסט דאָס, האָט דער גוף הנאה פון דעם גוף המאכל, און די נשמה האָט אַ הנאה פון דער קדושה וואָס איז אין דעם מאכל, און דאָס ווערט אָנגערופן די נשמה פון דעם מאכל. דעריבער דאַרף דער מענטש מחמיר זיין אויף זיך, אַז אין דעם עסנוואַרג גופא זאָל נישט זיין קיין שום צד איסור.

## דער שוחט דאַרף זיין געוואָרנט וועגן בודק זיין דעם מעסער מיט וועלכן ער שעכט

**יד. והנה,** די חומרות מצד הדין זענען די פאָלגענדע: דאָס ערשטע איז זייער אַ גרויסע זאַך, מען זאָל ריכטיג בודק זיין דעם

חַלף. עס זאָל אין אים נישט זיין קיין פגימה, ווייל עס זענען דאָ אַ סאַך שוחטים וואָס זענען נישט קיין מומחים, און אויך טרעפן זיך אַזעלכע שוחטים וואָס האָבן נישט מורא פאַר דעם אויבערשטן און זענען נישט מדקדק גוט בודק צו זיין דעם חַלף, ווייל מען מוז זייער שטאַרק מכוון זיין דאָס האַרץ בודק צו זיין דעם חַלף.

**הלא,** דו קענסט דאָך זען, אַז אַ מענטש קען צוויי-דריי מאָל בודק זיין אַ חַלף, און ער וועט נישט פילן קיין שום איידעלע פגימה, און דערנאָך, אויב ער האָט אינזינען גוט בודק צו זיין, געפינט ער די פגימה.

## אָפענע תוכחה צו די שוחטים וועלכע נעמען עס אָן גלייכגילטיג און קוקן נישט איבער דעם מעסער ווי געהעריג

**טו. ועתה,** און איצט, אין די היינטיגע דורות זענען בעוונותינו הרבים דאָ אַסאַך עמי הארצים וואָס מען גיט זיי קבלה, כאָטש זיי זענען ריכטיגע עמי הארצים, און האָבן גרינגע דעות, ווייל זיי האָבן נישט קיין יראת שמים, און עס זענען דאָ אַ טייל פון זיי וואָס האָבן גאָר קיין שייך נישט צו דעם חַלף, און אַ טייל פון זיי רעדן בשעת זיי זענען בודק דעם חַלף, און בשעת זיי רעדן, האָבן זיי דאָך אַוודאי נישט קיין כוונה בודק צו זיין ריכטיג דעם חַלף.

**דער וועלכער שעכט מיט אַ מעסער אַ פגום** (נישט הונדערט פראָצענט גלאַט)**, איז זיין שטראָף ער זאָל שטאַרבן אין אַ מגיפה, און אויב ער איז נישט געשטאָרבן אין אַ מגיפה ווערט זיין נשמה מגולגל ער זאָל שטאַרבן אין אַ מגיפה.**

**וידוע,** און עס איז באַוואוסט, אַז יעדער איינער וואָס שחט מיט אַ סכין פגומה, וועט זיין טויט זיין מיט מגיפה רחמנא ליצלן, ווייל דאָס וואָרט "פגימה" איז די זעלבע אותיות פון דעם וואָרט "מגיפה", און ווען ער שטאַרבט נישט איצט אין דער מגיפה, וועט זיין

נשמה מגולגל ווערן אין אַ מענטש וואָס וועט שטאַרבן אין אַ מגיפה רחמנא ליצלן.

### דער וועלכער שעכט מיט אַ מעסער אַ פגום, ווערט זיין נשמה מגולגל אין אַ הונט.

**טז. וגם,** און אויך זיין נשמה ווערט מגולגל אין אַ הונט, ווייל ער מאַכט עסן נבילות און טריפות צו די אידן, און אויף אים שטייט דער פסוק "**לכלב תשליכון אותו**", צו אַ הונט זאָלט איר אים וואַרפן.

**על כן,** דעריבער, דער מענטש וואָס האָט דעם אויבערשטנ'ס פאָרכט אין זיין האַרץ, זאָל ער זיך משתדל זיין עס זאָלן זיין אין דער שטאָט פרומע און גוטע שוחטים.

### דער ענין פון סירכות אין די לונג

**יז. עוד,** דער מענטש וואָס איז אַ ירא שמים דאַרף נישט עסן פלייש פון אַזאַ סירכא וואָס איז אַ שווערע, נאָר דער שוחט נעמט איר אַראָפּ דורך תחבולות.

### דער שוחט זאָל זיין געוואָרנט צו מאַכן אַ ברכה פאַר'ן שחט'ן אין אַ ריינעם אָרט

**יח. כל,** יעדער שוחט זאָל זיין זייער געוואָרנט אויב ער שעכט פאַר דער שטוב אויף דער גאַס, אָדער אין אַזאַ הויז וואָס דאָרט זענען דאָ קינדער וואָס שמירן זיך אָפּט איין, זאָל ער פריער זען אַז אין שטוב זאָל נישט זיין קיין צואה, און אויב עס איז יאָ דאָ צואה, זאָל ער גיין אין אַ ריין אָרט און ער זאָל דאָרט מאַכן די ברכה פאַר'ן שחט'ן, און דערנאָך זאָל ער שחט'ן אויף דער גאַס אָדער אין דער שטוב וואָס דאָרט איז אומריין, און ער מוז זייער שטאַרק זיין נזהר דערין, אַזוי שרייבט דער של"ה זכרונו לברכה.

**דער שוחט זאָל זיין אַ ירא שמים, און ער זאָל טראַכטן אין זיין האַרץ מתקן צו זיין די נשמה וואָס איז מגולגל אין די בהמה.**

**כלל,** דער כלל איז, דער שוחט מוז זיין אַ תם וישר און אַ ירא שמים, און אַ גרויסער דערבאַרעמדיגער, און אַז ער שחט עפּעס, אַ בהמה אָדער אַן עוף, זאָל ער פריער זאָגן די תפילה וואָס שטייט אויבן. און ווייל עס קען טרעפן אַז אַ מענטש איז מגולגל אין די בהמות, דעריבער, בשעת ער שחט זאָל ער אין זינען האָבן צו העלפן דעם גלגול, ווייל דאָס שחט'ן איז פאַר אים אַ טובה, און אַז דער שוחט האָט אין זיין האַרץ מורא פאַר דעם אויבערשטן, וועט ער דאָס אַלץ מכוון זיין און ער וועט פאַרריכטן דעם נפש, און ער וועט בעטן פון דעם אויבערשטן, אַז עס זאָל זיין דער ווילן פון דעם אויבערשטן, אַז דאָס פלייש זאָל געגעסן ווערן מיט אַ ברכה ביי אַ סעודת מצוה, כדי אַז אויב אין דעם פלייש איז געווען אַ גלגול חס וחלילה, זאָל ער פאַרראָכטן ווערן.

**אַ טעם פאַרוואָס יעקב האָט געשיקט צו עֵשָׂו נאָר פון די בהמות וואָס זענען געקומען אין זיין האַנט, און ער האָט נישט געצוואונגען די בהמות צו גיין צו עֵשָׂו.**

**יט. וכן,** אויך קענסטו זען ביי יעקב אבינו עליו השלום, אַז ער האָט געשיקט אַ מתנה צו עֵשָׂו שאָף און רינדער, האָט ער זיך געזאָרגט פאַר די גלגולים וואָס זענען פאַראַן אין די בהמות, האָט ער געלאָזט די בחירה ביי די בהמות, אַז די וואָס זענען געקומען פון זיך אַליין, די דאָזיגע האָט ער געשיקט צו עשו.

**דאָס** מיינט דער פסוק "**ויקח מן הבא בידו**", און ער האָט גענומען פון די בהמות וואָס זענען אַליין געקומען צו אים, ווייל די בהמה מיט אַ גלגול, אויב מען וויל זי שיקן צו שחט'ן נישט אויף אַ סעודת מצוה, בעט זי זיך אַז זי זאָל נישט גיין. דעריבער האָט יעקב

אבינו עליו השלום נישט גענומען קיין בהמה מיט געוואַלד, נאָר די וואָס איז אַליין געקומען.

**דער ענין פון דעם גורל אויף די צוויי ציגן אין יום כיפור**

**ומטעם,** און אַזוי קען מען פאַרשטיין דעם טעם, פאַרוואָס האָט דער כהן גדול געדאַרפט וואַרפן אַ גורל אויף די צוויי ציגעלעך אין יום כיפור, איין ציגעלע זאָל זיין פאַר אַ קרבן צו דעם אויבערשטן, און איין ציגעלע זאָל געשיקט ווערן לעזאזל, ווייל ער האָט מורא געהאַט טאָמער איז אין זיי מגולגל עפעס אַ נשמה, דעריבער האָט דער אויבערשטער ברוך הוא געהייסן וואַרפן אַ גורל, וועט דער אויבערשטער ברוך הוא שוין מאַכן אַז דאָס ציגעלע וואָס עס איז דאָ דערין דער גלגול, זאָל פאַלן דער גורל דערויף אַז עס זאָל זיין אַ קרבן פאַר דעם אויבערשטן.

**ואין,** און מען קען נישט זאָגן, אַז אפשר זענען פאַראַן גלגולים איןביידע ציגעלעך? זאָלסט וויסן, אַז דער אויבערשטער ברוך הוא וויל נישט, אַז די נשמה פון דעם מענטש זאָל אינגאַנצן פאַרשטויסן ווערן. מאַכט ער אַזוי אַז עס זאָל נישט זיין קיין גלגול אין ביידע, און ווידער דאָס וואָס עס איז דאָ דערין דער גלגול, זאָל דער גורל פאַלן דערויף אַז עס זאָל זיין אַ קרבן.

**אַ טעם פאַרוואָס דער אָקס פון אליהו האָט אַריינגעשטעקט זיינע פיס אין די ערד און האָט נישט געוואָלט גיין צו די נביאי הבעל**

**כ. גם,** דאָס איז אויך דער טעם פון דעם שטיר וואָס אליהו האָט געגעבן צו די נביאי השקר אַז זיי זאָלן אים מקריב זיין צו זייער געצן-בַעל. שטייט אין מדרש, אַז דער שטיר האָט אַריינגעשטעקט זיינע פיס אין דער ערד, און האָט נישט געוואָלט גיין פאַר אַ קרבן צום בַעל. דאָס איז דערפאַר ווייל אין אים איז געווען מגולגל אַ נשמה, דעריבער האָט דער נפש אים געצוואונגען ער זאָל

נישט גיין ביז אליהו האָט אים איינגערוימט אין זיינע אויערן, אַז אדרבא, דערמיט וועט דער גלגול מתוקן ווערן, ווייל אַזוי וואויל ווי עס וועט געהייליגט ווערן דעם אויבערשטנס נאָמען דורך דעם שטיר וואָס וועט קומען פאַר אַ קרבן צו דעם אויבערשטן, געננוי אַזוי וועט געהייליגט ווערן זיין נאָמען דורך דעם אַנדערן שטיר, ווייל מען וועט זען אַז פון הימל וועט אַרויסגיין אַ פייער און וועט פאַרברענען דעם קרבן וואָס מען וועט מקריב זיין פאַרן אויבערשטן ברוך הוא, און פון דעם בַעל וועט נישט אַרויסגיין קיין פייער צו פאַרברענען זיין קרבן, דורך דעם וועט דער נאָמען פון אויבערשטן ברוך הוא געהייליגט ווערן.

**כא. וכפי,** און לויט דעם פאַרשטייט מען אויך דאָס וואָס עס איז פריער געשטאַנען, אַז אליהו הנביא האָט איינגערוימט דעם שטיר אין זיינע אויערן, ווייל ער האָט גערעדט מיט דער נשמה וואָס איז געווען מגולגל אין דעם שטיר.

## אויך דער מענטש וואָס עסט פלייש, דאַרף אין זינען האָבן מתקן צו זיין די נשמות וואָס זענען מגולגל אין דער בהמה.

**כב. והנה,** און אויך אויסער דעם וואָס דער שוחט דאַרף מכוון זיין אַזוי ווי עס איז פריער געשטאַנען, מוז אויך מכוון זיין דער וואָס עסט דאָס פלייש, אַז מיט זיין ברכה זאָל ער מתקן זיין דעם הייליגן ניצוץ וואָס איז דאָ דערין. עס שטייט אין פרשת ראה אַ רמז פאַרן שוחט, "**רק בכל אות נפשך**" – פונקט ווי דיין נפש גלוסט אַז אויב זי וועט מגולגל ווערן אין אַ בהמה עס זאָל קומען אַ ערליכער שוחט איר מתקן זיין, "**תזבח ואכלת בשר**" – אַזוי זאָלסטו אויך טאָן.

## אַ טעם פאַרוואָס אַ בעל תשובה זאָל נישט עסן פלייש, נאָר אין שבת.

**כג. וזהו,** און דאָס איז דער טעם פאַרוואָס אַ בעל תשובה טאָר נישט עסן קיין פלייש ביז דעם סוף פון זיין תשובה, אויסער שבת און יום טוב, ווייל ער איז נאָך אַליין נישט פאַררימט פון די עבירות וואָס ער האָט געטאָן, איז ווי אַזוי קען ער מתקן זיין אַנדערע. אָבער אין שבת און יום טוב, ווען די הייליקייט פון די טעג ווערט באַהעפט אין אים, און בפרט אין שבת ווערט אין אים געמערט די הייליקייט פון דער נשמה יתירה, דעמאָלט מעג ער עסן פלייש.

## דער שוחט און בודק זאָל נישט לייגן דאָס מעסער ביינאַכט צוקאָפּענס פון זיין בעט

**כד. וצריך,** דער שוחט מוז זייער נזהר זיין, אַכטונג צו געבן אַז ער זאָל ביינאַכט נישט לייגן די חַלפים אונטער זיין צוקאָפּנס, ווייל טאָמער צוליב דעם וואָס ער איז געוואוינט בייטאָג צו שחט'ן מיט זיי וועט דאָס רגילות, די געוואוינהייט, אים ברענגען ביינאַכט דאָס צו טוהן ח"ו צו די וואָס ליגן נעבן אים, און איך האָב געהערט אַז עס האָט שוין אַמאָל אַזוי געטראָפן.

## דער שוחט זאָל טוישן זיינע קליידער נאָכ'ן שחט'ן, און ער זאָל נישט דאַווענען ווען ער איז אָנגעטוהן אין די קליידער מיט וועלכע ער שעכט.

**כה. גם,** אויך מוז דער שוחט נזהר זיין נאָך דעם ווי ער הערט אויף צו שחט'ן, זאָל ער טוישן זיין אויבערשטע קלייד, און ער זאָל נישט דאַווענען אין דעם קלייד וואָס ער שעכט דערמיט. אויך דערפאַר, כדי ער זאָל נישט פאַר'מיאוס'ט ווערן ביי מענטשן צוליב די פאַרשמירטע קליידער, און בפרט ביי זיין ווייב, וואָס זי וועט גרינגעשעצן אין זיין כבוד.

**שהרי,** ווייל די כהנים, ווען זיי האָבן מקריב געווען דעם קרבן, זענען זיי געגאַנגען אָנגעטוהן אין רויטע קורצע קליידער, כדי זיי זאָלן נישט איינגעשמירט ווערן אין בלוט בשעת'ן שעכטן, און אפילו אויב עס פאַלט אַ טראָפּן בלוט אויף דעם קלייד וועט דער פלעק נישט אָנגעזען ווערן, ווייל די קליידער זענען רויט, און זייערע אָרעמס זענען געווען אויפגעדעקט, כדי דאָס קלייד זאָל נישט איינגעשמירט ווערן בשעת ער שטעקט אַריין די הענט אין דער בהמה, און דאָס אַלץ איז צוליב ריינקייט, און אויך כדי די מצוה זאָל נישט זיין ווי פאַרשעמט.

**וויבאַלד אַ שוחט איז פון מזל מאַדים, זאָל ער דאַנקען דעם באַשעפער יעדן טאָג אויף דעם וואָס ער האָט זוכה געווען צו זיין אַ שוחט און נישט פאַרגיסן קיין בלוט אַלס רעזולטאַט פון זיין מזל, אויך דאַרף דער שוחט דאַרף זיין אַ גרויסער בעל רחמנות.**

**כו. גם,** אויך ווייל יעדער שוחט איז דאָך פון דעם מזל מאדים, און דער מזל באַדייט אַז ער זאָל פאַרגיסן בלוט, דעריבער דאַרף דער שוחט יעדן טאָג אָפּגעבן אַ לויב און אַ דאַנק צו דעם אויבערשטן ברוך הוא, וואָס ער איז אַ שוחט צו פאַרגיסן דאָס בלוט פון די בהמות חיות און עופות, און ער זאָל נאָך דערמיט טוהן אַ מצוה, און דערויף באַקומען שכר, און ער איז ניצול געוואָרן פון זיין אַ רוצח חס ושלום. און ער זאָל זיך נוהג זיין אין יעדע זאַך מיט גרויס רחמנות מער פון אַנדערע מענטשן, כדי צו שטאַרקן זיך אויף זיין מזל, וואָס איז אים מחייב צו זיין אַן אכזר.

**דער שוחט דאַרף זיך מצער זיין, אויב עס געשעהט, אַז אַ בהמה ווערט אַ נבילה דורך זיין שחיטה, און ער האָט צושטערט דעם נפש וואָס איז מגולגל אין אים.**

**כז. ואם,** און אויב אַ בהמה איז געוואָרן אַ נבילה דורך זיין שחיטה, זאָל ער זיך מצטער זיין, ווייל טאָמער די עבירות וואָס ער

האָט געטוהן, האָבן דאָס גורם געווען, און טאָמער איז נאָך געווען אין דער בהמה עפּעס אַ גלגול, און ער האָט איר פאַרדאָרבן, און וויפיל צער עס ברענגט פאַרן גלגול אָט-די שחיטה, און צום סוף איז ער נישט מתוקן געוואָרן.

**לכן,** דעריבער דאַרף דער שוחט זיך מצער זיין דערויף, אויב דורך זיין שחיטה ווערט די בהמה טריפה, און ער זאָל איבערקוקן זיינע מעשים און ער זאָל בעטן פון אויבערשטן ברוך הוא אויף דעם צער פונעם גלגול.

**דער שוחט זאָל מתפלל זיין, אַז אויב עס איז דאָ אַ ניצוץ פון קדושה אין די בהמה, זאָל עס פאַרראָכטן ווערן דורך די ברכה.**

**כח. גם,** אויך אויב די בהמה ווערט כשר, זאָל דער שוחט מתפלל זיין, אַז אויב עס איז דאָ דערין אַ גלגול, זאָל דער גלגול פאַרראָכטן ווערן דורך דער ברכה וואָס מען וועט מאַכן פאַר'ן עסן, און בפרט אויב תלמידי חכמים און יראי שמים וועלן דאָס עסן, אָדער אויף אַ סעודת מצוה, ווערט עס אַוודאי מתוקן. און אין די פריערדיגע פרקים האָב איך שוין געברענגט אַ מעשה וועגן דעם דאָזיגן ענין פון דעם ספר חרדים.

**אַ שוחט וואָס האָט נישט אין זינען אַלע כוונות און תפילות וואָס ער דאַרף אין זינען האָבן און זאָגן, איז דער ס"מ בעסער פון אים.**

**כט. ויראה,** דערפון קען דער שוחט פאַרשטיין מיט זיין שכל, ווי אַזוי ער איז מחוייב אין די אַלע כוונות און תפילות וואָס ווערן געברענגט פריער, ווייל אויב ער טוט נישט אַזוי, ווערט ער אַ שותף פון דעם ס"ם דעם רשע, ווייל דער ס"ם נעמט אַוועק די נשמות פון די מענטשן, און ער נעמט אַוועק די נשמות פון בהמות, און ער איז גורם דערצו אַז זייער אַ סאַך נשמות וואָס זענען מגולגל אין די בהמות

און עופות ווערן פאַרלוירן דורך אים, און דאָס ווערט פאַר אים גערעכנט גלייך ווי ער הרג'עט מענטשן, חס וחלילה.

## די מעלה פון אַ שוחט ובודק וואָס ער איז אַ ירא שמים און ער קערט זיך אָפּ פון טוהן שלעכטס

**אַך,** אָבער אויב דער שוחט איז מכוון די אַלע כוונות וואָס שטייען דערמאַנט אויבן, ווערט ער נאָך אָנגערופן "מתקן נפשות", ער פאַררִיכט מענטשן, ווייל ער טוט אַ טובה צו די גלגולים, און ער ברענגט זיי אַרויף אויף זייער אָרט. און גאָר אַסאַך זענען די מעלות פון אַזאַ שוחט וואָס ער איז אַ ירא שמים, און ער איז גורם אַז אידן זאָלן עסן כשר פלייש, וואָס דאָס פלייש לייטערט און מאַכט ריין די נשמה, און דערפרייט איר אום שבת און יום טוב, און דער זכות פון די פילע מענטשן וואָס עסן דאָס פלייש הענגט-אָן אין דעם שוחט. אָבער אויב עס איז פאַרקערט, הענגט אין אים אָן די עבירה פון אַ רבים.

**הקב"ה,** דער אויבערשטער ברוך הוא זאָל אונז מזכה זיין אים צו דינען, און צו באַהעפטן זיך אין אים, און אונז צו ראַטעווען פון שטאַרבן דורך דעם ס"ם, און ער זאָל דערלענגערן אונזערע טעג אין גוטן, און אונזערע יאָרן אין זיסקייט, מקיים צו זיין אַלע מצוות פון דער תורה, אמן סלה.

❁ ❁ ❁

## הוספה

**אין** איינע פון דעם בעל שם טוב׳ס רייזעס, איז ער אַמאָל איינגעשטאַנען ביי אַ רב פון אַ קהלה צו בלייבן דאָרט איבער שבת. האָט דער רב געזאָגט צו די רביצין: ״זאָלסט וויסן ווי אַזוי מכבד צו זיין אונזער גאַסט, ווייל ער איז זייער אַ גרויסער, באַוואוסטער מענטש״. האָט די רביצין צופרידן געענטפערט: ״מיר האָבן דאָך ב״ה געקויפט אויסנאַמע גוטע פלייש און מיר וועלן פון דאָס גוטע, קלייבן די בעסטע לכבוד דעם גאַסט״. אָבער ווען זי איז אַריין זיך פאַרנעמען מיט די פלייש, האָט זי גאָרנישט געפונען דערפון, און די האַרץ האָט איר זייער פאַרקלעמט, אַ צעטומלטע איז זי אַרויף צו די שכנה, אפשר וועט זי איר קענען עפעס באָרגן, אָבער צום וואונדער האָט דאָס זעלבע פאַסירט אויך ביי איר, אַלעס וואָס זי האָט צוגעגרייט איז מיט אַ מאָל פאַרשוואונדן, און די זעלבע זאַך האָט אויך פאַסירט ביי די אַנדערע שכנים וואו זי האָט פרובירט עפעס צו באָרגן. זי איז שנעל אַהיים זיך דורך צו רעדן מיט איר מאַן וואָס מען קען טאָן. פלוצלונג האָט איר מאַן געזען פון פענסטער דעם שטאָט-שוחט גייט פאַרביי, זי האָט אים דערציילט וואָס ביי זיי האָט פאַסירט און ער האָט איר באַרוהיגט, אַז עס איז דאָ אינגאַנצן צוויי-דריי שעה וואָס ער האָט גע׳שחט׳ן אַ ווייך, גוטע רינדער.

**האָט** זיך דער בעל שם טוב אָנגערופן און געזאָגט: ״איך האָב זייער ליב צו עסן די קאָפּ, אויב מען קען עס אַהער ברענגען דאָ גאַנץ, ער זאָל עס דאָ מנקר זיין״. דער שוחט האָט צופרידן צוגעשטימט און ער האָט זיך פלינק געאיילט צו ברענגען די קאָפּ פאַרן בעל שם טוב אין הויז פון דעם רב. דאַן האָט דער בעל שם וב גענומען רעדן מיט׳ן שוחט: ״די וועלט זאָגט אַז עס איז דאָ אַן אונטערשייד און אַ חילוק אין די ציינער, זייט אַזוי גוט צו ציילן וויפל ציין עס זענען פאַראַן״. האָט דער שוחט געעפנט דעם מויל פון די בהמה און האָט אַריינגעטאָן זיין האַנט צו ציילן די ציין, אָבער די בהמה האָט באַלד אַריינגעכאַפּט זיין

האַנט און עס צוגעדריקט אַז ער האָט עס נישט געקענט אַרויסנעמען. זי האָט גענומען אַזוי שטאַרק דריקן אַז ער האָט נישט געקענט אויסהאַלטן און האָט זייער געשריגן. דער בעל שם טוב האָט אים געפרעגט: "וואָס איז דיר געשען וואָס האָסטו זיך צעשריגן? זי איז דאָך נישט לעבעדיג?!" און דאַן האָט אים דער בעל שם טוב אָנגעשריגן: "רשע! זיי זיך מודה אויף דיינע זינד אַז דו האָסט קיינמאָל נישט באַטראַכט קיין לונג, וואָס דו האָסט געוואָלט האָסטו מכשיר געווען און וואָס דו האָסט געוואָלט האָסטו באַשטימט פאַר טריפה, און דער בעל שם טוב האָט אים געגעבן אַ תשובה אויף דעם.

**נאָך** דעם זענען זיי געגאַנגען אין שוהל. דער בעל שם טוב האָט אַריבער געפירט זיין הייליגע האַנט פאַר'ן רב, האָט ער געזען עטלעכע מחבלים און רוחות זיצן אויפ'ן שוהל האָט ער זיך זייער געוואונדערט און געפרעגט די סיבה דערפון, האָט אים דער בעל שם טוב געזאָגט אַז דער חזן פון שול טוט זיך פאַראומרייניגן פאַר יעדן דאַווענען, האָט מען דעם חזן אַנטזאַגט פון זיין שטעלע.

❖ ❖ ❖

# אַ מורא׳דיגע פּאַסירונג

## פון דעם הייליגען רבי ר׳ בער פון מעזריטש זי״ע

**י״ט** כסלו איז דער יום ההילולא פון דעם הייליקן צדיק ורבן של כל בני הגולה, דער הייליגער מגיד פון מעזריטש זי״ע. דער מגיד איז געווען פון די גרויסע תלמידים פון דעם הייליגן בעל שם טוב הק׳ וועלכער האָט מייסד געווען דעם דרך החסידות. דער הייליגער מעזריטשער מגיד זי״ע האָט געהאט פילע תלמידים צו וועלכע ער האָט איבערגעגעבן די תורת החסידות, און די גרויסע ליכטיקע צדיקים וועלכע האָבן ביי אים געלערנט תורה און עבודת השם האָבן באַלויכטן די גאַנצע וועלט דורך זיין השפעה, און ביז׳ן היינטיקן טאָג לערנען פילע טויזנטער אידן די תורה וועלכע דער הייליגער מגיד האָט פאַרשפרייט און פירן זיך אין דעם דרך וואָס ער האָט אָנגעוויזן.

**נאָך** דעם וואָס דער הייליגער בעש״ט הק׳ איז נפטר געוואָרן, האָט דער הייליגער מגיד זי״ע ממשיך געווען דעם דרך החסידות וואָס ער האָט געלערנט ביי זיין הייליגן רבי׳ן, דער בעש״ט הק׳ זי״ע. אויך איז ער געווען דער עלטער זיידע פון דעם הייליגן ריזשינער זי״ע , זיין זון ר׳ אברהם דער מלאך איז געווען דער פאטער פון ר׳ שלום שכנא דעם הייליגן ריזשינער׳ס פאטער.

**דער** הייליגער מגיד פון מעזריטש, ר׳ דוב בער זי״ע, איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תס״ח. זיין טאַטע, ר׳ אברהם, איז געווען אַ באַהאַלטענער צדיק, און האט געדינט אַלס מלמד פאַר אידישע קינדער אין דער שטאָט לוקאשט. ער האָט געצויגן זיין יחוס פון די ראשונים כמלאכים, ביז צו רב האי גאון און רבי יוחנן הסנדלר, ביז צו דוד מלך ישראל חי וקים.

**מ׳דערציילט,** אַז אַ פייער האָט אויסגעבראָכן ביי דעם מגיד אין שטוב, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונג אינגל. אַלץ וואָס עס האָט זיך געפונען אין שטוב איז פאַרברענט געוואָרן. די מאַמע

זיינע האָט שטאַרק געוויינט, האָט איר דער יונגל געפרעגט די מאַמע׳ן פאַרוואָס זי וויינט אַזוי שטאַרק, עס איז דאָך געווען אַ אָרעמע הויז. האָט זיך די מאַמע אָנגערופן צום קינד אַז זי וויינט נישט אויף דעם "פאַרמעגן", זי וויינט אויף דעם ייחוס בריוו וואָס זי האָט געהאַט אין הויז און דאָס איז פאַרברענט געוואָרן. האָט זיך די יונגל אָנגערופן, זאָרג זיך נישט מאַמע, דער ייחוס בריוו וועט זיך פון מיר אָנהויבן פון דאָסניי. און אַזוי איז טאַקע געווען, ווי מ׳האָט אויבן דערמאָנט וועגן דעם ייחוס וואָס איז פון אים אַרויס, זיין זון דער מלאך, און דער הייליגער ריזשינער א.ז.וו.

**אין** די יונגע יאָרן איז דער הייליגער מגיד געפאָרן צו דער ישיבה פון דעם גאון בעל פני יהושע, אין דער שטאָט לעמבערג, וואו ער איז געזעצן יומם ולילה על התורה ועל העבודה, בהתמדה ושקידה. נאָך דער חתונה איז ער געווען אַ מלמד פון תינוקות של בית רבן. מ׳דערציילט אַז ווען עס איז געקומען די וואָך פון פרשת יתרו האָט ער זייער שטאַרק אַריינגעלייגט אין די קעפלעך פון די קינדערלעך דעם דערהויבענעם מעמד הר סיני, און האָט געפרעגט אַלע קינדער צי זיי געדענקען די דערהויבנקייט דערפון, און אויב זיי האָבן פאַרגעסן האָט ער זיי דערמאָנט נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל ביז זיי האָבן עס געוואוסט קלאָר און דייטלעך.

**עס** איז באַוואוסט אַז דער הייליגער מגיד האָט שטאַרק געליטן אויף די פיס, פלעגט ער אָפט פאָרן צו דער שטאָט קאַרלסבאַד צו די בעדער זיך היילן. אויפ׳ן וועג פלעגט ער זיך אָפּשטעלן באַזוכן ביי זיין הייליגן רבי׳ן דער בעל פני יהושע.

## די דערנעענטערונג צו דעם בעל שם טוב הק׳

**איינמאָל** איז דער בעש״ט אַדורכגעפאָרן די שטאָט לעמבערג, די שטאָט פון פני יהושע, און האָט אַריין געשיקט דעם משמש אין ביהמ״ד ער זאָל אַרויסרופן דעם פני יהושע ווייל ער וויל

רעדן מיט אים, דער פני יהושע איז געווען אינמיטן אַ שיעור האָט ער נישט געוואָלט אַרויסגיין ביז ער האָט געהערט אַז עס איז וועגן אַ זאַך וואָס איז דוחה תורה דרבים, איז ער אַרויסגעגאַנגען. דער בעש"ט האָט אים געזאָגט אַז אַלץ רב פון דער שטאָט דאַרף ער וויסן אַז שוין עטלעכע יאָר וואָס דער שוחט שחט נישט קיין כשר'ע שחיטה, און ער זאָל פאַרריכטן און דער שוחט וועט אויף דעם מודה זיין, און אַזוי איז טאַקע געווען.

**אַ קורצע** צייט שפעטער, איז דער בעש"ט ווידער געקומען אין דער שטאָט פון דעם פני יהושע, און געבעטן מ'זאָל רופן דעם פני יהושע, דאָס מאָל איז דער פני יהושע גלייך געקומען. דער בעש"ט האָט אים געזאָגט אַז אַזוי ווי דער רבי ר' בער קומט דאָך אַלע יאָר צו אים אויפן וועג ווען ער פאָרט זיך היילן, זאָל ער אים זאָגן אַז אויב ער וויל זיך אויסהיילן זאָל ער קומען צו אים (צום בעל שם טוב). קומענדיקן מאָל ווען דער מגיד איז געקומען צום פני יהושע האָט ער אים דערציילט וועגן די צוויי פאַסירונגען מיט'ן בעש"ט און ער האָט אים געזאָגט אַז ער זאָל טאַקע פאָרן צום הייליקן בעש"ט ווייל אית דברים בגו. דער מגיד איז געפאָרן צום הייליגן בעש"ט און זינט דאַמאָלט האָט ער אָנגעהויבן לערנען פון אים תורה, ביז ער איז געוואָרן פון די גרעסטע תלמידים פון בעש"ט הק', און דערנאָך ממשיך געווען דעם דרך, ווי דערצילט פריער.

❖ ❖ ❖